## פרשת בא ד׳ - י׳ שבט תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת בא***

בשעות הצהרים התקיים ׳אסיפת הרבנים׳ על פי קריאת הקודש של **רבינו שליט״א**, לדון ולעורר בשמירת קדושתן של ישראל, בתיקוני בדקי וגדרי הצניעות והמסתעף.

האסיפה קבע מקומה באולם שע״י הבית חינוך לבנות בבנין מוסדותינו הק׳, בה השתתפו רבני ודייני העיר וויליאמסבורג יצ״ו, שנקבצו ובאו לחזק קדושת ישראל בקרב המחנה. במשך האסיפה נשמעו דברים על ידי היו״ר **הרה״ג רבי סענדר אשכנזי שליט״א** מנהל ישיבה קטנה דסאטמאר, **הרב שמואל פריעדמאן שליט״א** מגדולי עסקני מפעל ׳בריחי שעריך׳ בקרית יואל ומח״ס ׳ושכנתי בתוכם׳, **הגה״צ רבי מנחם זכריה זילבער שליט״א** אב״ד פריימאן וראב״ד התאחדות הרבנים, **כ״ק האדמו״ר מגאלאנטא שליט״א**.

בחרדת קודש נשמע חובת השעה מאת **רבינו שליט״א**, לדעת את המעשה אשר יעשון. בדבריו התמרמר על גודל הירידה בשמירת עינים בהסתכלות בדברים אסורים, הפריצות במלבושי הנשים, ובעניני התרחקות בין אנשים לנשים, ואשר חיובא רמיא לעורר את עדת בני ישראל להזהר בענינים אלו, ולהרבות גבולי הטהרה והקדושה בישראל.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**איך** וויל קודם באגריסן און באדאנקן פאר די אלע רבנים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די אסיפה היינט. די גמרא (סנהדרין עא:) זאגט, כינוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם, ווען עס קומען זיך צוזאמען ערליכע יודען, א כינוס פון צדיקים, עס איז הנאה להם, עס איז גוט פאר זיי, און עס איז הנאה לעולם, עס איז גוט פאר די וועלט. עס איז הנאה להם, יעדער יוד דארף האבן חיזוק, די וואס טוען אין עבודת הקודש אויך. און ווען מען קומט זיך צוזאמען, איש לרעהו יאמר חזק, גיט יעדער איינער כח איינער פארן צווייטן, ער זאל קענען אויפטון וואס ער דארף. ווען עס איז דא א כינוס לצדיקים, איז הנאה להם, עס איז א הנאה פאר זיי אליין. ווען מען קומט זיך צוזאם, און מען שמועסט אויס די פירצות וואס איז דא, און וואס מען קען טון דערצו, איז עס א געוואלדיגער זכות פאר זיך אליין. והנאה לעולם, און עס ברענגט א תועלת פאר די וועלט. אז מען איז מחוזק אליין, קען מען דאס ווייטער איבערגעבן. די רבנים זענען דאך די עיני העדה, סוף כל סוף די השפעה פון כלל ישראל ליגט אויף זיי. יעדער איינער לפי ערכו איז משפיע אויף א געוויסע ציבור פון יודען וואס זענען נשמעים לדבריו, איז עס הנאה להם והנאה לעולם.

**מען** האט פריער געהערט די פירצות, און מען דארף עס נישט איבערגיין. איך וויל נאר זאגן א פאר ווערטער חיזוק פאר אונז, וואס אונז דארף מיר טון, און וואס אונז קען מיר טון. מען טוט זיך אליין גרינגשעצן, אז אונז קען מיר נישט אויפטון. עס איז א וועלט וואס מען הערט נישט צו, און מען איז נישט מקבל, און מען פילט זיך אזוי ווי מען האט נישט די כוחות אז מען זאל קענען ערגעץ אנקומען. דער היינטיגער דור איז שוין אזוי געזינקען, מען איז אזוי נידריג, און עס איז נישט דא די אמאליגע צדיקים וואס האבן באלויכטן די שטאט, און מען פילט נישט אז מען האט די כוחות אז מען זאל קענען גיין ווייטער.

**אבער** עס איז נישט ריכטיג. אמת עס איז דא א ציבור יודען וואס הערן נישט קיין מוסר א גאנץ יאר, און וועגן דעם שלעפט עס אראפ דעם דור. וואס דאס איז נישט געווען אמאל אין די פריערדיגע צייטן, אז א יונגערמאן זאל זיך קענען ארומדרייען פון יאר ביז יאר, פון ראש השנה ביז ראש השנה, און קיינמאל נישט הערן, נישט קיין דרשה, נישט קיין מוסר, נישט קיין שלש סעודות, קיין שום זאך וואס זאל אים מעורר זיין, און מהיכן ירק זה חי.

**אבער** עס איז דא א געוואלדיגער ציבור פון יודען וואס זענען צמאים לדבר ה׳, זיי ווילן הערן, און זיי זענען גרייט צו הערן. און ווען זיי הערן, מאכט עס ביי זיי א רושם. און זיי ווארטן ארויס אויף חיזוק פון יעדן משפיע, אז ער זאל קענען הערן עפעס א גוט ווארט, וואס זאל אים קענען מחזק זיין. עס איז דא א געוואלדיגער חלק פון יונגעלייט וואס זענען באמת ווארעם פאר תורה און עבודת ה׳, און זיי לעבן מיט די אלע פראבלעמען וואס איז דא, און זיי האבן נישט די כוחות הנפש אז זיי זאלן קענען זאגן א זאך אין שטוב, איך וויל עס זאל זיין אזוי. און מען זאל קענען

דערשאגירן פאר קינדער און פאר אייניקלעך וואס מען דארף צו טון. אבער יעדע חיזוק וואס זיי באקומען, יעדע ווארט וואס זיי הערן, מאכט ביי זיי א רושם, און עס גייט איבער די רושם ווייטער.

**עס** האט מיר אמאל געזאגט א יוד. ווען א רב דרש'נט א זאך אין בית המדרש, ער קוקט זיך אסאך מאל אן, צו וועם רעד איך? צו צוואנציג יודען, פופציג יודען, הונדערט יודען. און ער מיינט, וואס וועט שוין אויפטון די צוואנציג מענטשן וואס האבן געהערט, צו די פופציג יודען וואס האבן געהערט וואס מען האט גערעדט. עס איז נישט אזוי, יעדע דרשה וואס א מענטש זאגט ברבים, גייט ארויס די השפעה, פאר צענדליגער מענטשן מער פון די וואס זענען געשטאנען דארטן. יעדער וואס איז ביי א דרשה, ווען ער גייט אהיים, פארציילט ער עס פאר זיין ווייב, און ער פארציילט עס פאר זיינע קינדער, ער פארציילט עס פאר זיין חבר וכדומה, און די השפעה גייט אסך מער פאר די וואס זענען נישט דארטן וואס זענען מקבל, ווי פאר די וואס זענען דארטן. מען דארף זיך נישט אראפקוקן, אז מען רעדט נאר אמאל צו א קלענערן ציבור פון יודען, ווייל יעדער דיבור וואס מען רעדט צו יודען ווערט צושפרייט, און עס גייט ווייטער און ווייטער.

**משה** רבינו האט גערעדט צו יודען, שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה (שמות ו-ט) ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה. משה רבינו קען רעדן, ער קען זיין דער רבן של ישראל, און ער קומט מיט דבר ה', מיטן אייבערשטן'ס ווערטער, און עס קומט ארויס פון אזא הייליגן מויל ווי משה רבינו, ולא שמעו אל משה, אסאך מאל דערהערט מען נישט. עס איז מקוצר רוח, עס פעלט אסאך מאל דער חלק פון די רוחניות איז ביי אים קוצר, ומעבודה קשה, מען איז אריינגעטון אין עולם הזה, און עס קען אוועקגיין דער אפעטיט פון משה רבינו ער זאל וועלן ווייטער רעדן צו יודען. וידבר ה' אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל. זאגט רש"י, אפילו הכי, אפילו עס איז לא שמעו אל משה, זאג ווייטער! ויצום אל בני ישראל. זיי קענען נישט הערן ווען מען זאגט זיי שטרענגע ווערטער, זאגט רש"י, צום עליהם להנהיגם בנחת, רעד צו זיי אז זיי זאלן קענען פארשטיין, ווייל סוף כל סוף, אז מען רעדט, טוט מען אויף, און עס איז עושה רושם.

**בפרט** די שטאט וויליאמסבורג, וואס איז א עיר ואם בישראל, עס איז פון די שענסטע שטעט וואס איז דא אין אמעריקא, וואס אלעס מעסט זיך מיט וויליאמסבורג! די השפעה וואס גייט ארויס פון דא, איז נישט נאר א זאך וואס איז נוגע פאר דעם פלאץ, נאר ווען ביי אונז איז דא א ירידה, איז די ירידה פי כמה ווען עס קומט אן צו אנדערע מקומות. און ווען ביי אונז הייבט זיך אן אויפצווועקן א זאך פון א התעוררות, איז נישט נאר אז מיר האבן אויפגעטון אין אונזער פלאץ אליין, נאר עס ווערט נתעורר אין אנדערע מקומות אויך. ווייל אלעס ווערט געמאסטן אויפן שענסטן פלאץ וואו יודען וואוינען, ווי אזוי זיי פירן זיך, האט עס אן השפעה ערגעץ אנדערש. ווען אונז וועל מיר האבן די כוחות, אונז זאל מיר קענען זיך אריינלייגן, און טון וואס אונז דארף מיר, להגדיל תורה ולהאדירה, זעהן מקדש צו זיין די שטאט מיט וואס אונז קען מיר יא, וועט עס אויפטון נישט נאר פאר אונזער פלאץ אליין, דאס וועט אויפטון אין אנדערע מקומות אויך.

**די** עסקנים האבן פריער שיין ארויסגעברענגט די אלע פראבלעמען, און יעדער רב פאר זיך אליין ווייסט דאך פון די פראבלעמען פי כמה. עס איז מחייב! אז בעלי בתים געבן אוועק פון זייער צייט, וואס זיי זענען נישט מחוייב, זיי דארפן זיך נישט ארייגלייגן דערין, און זיי געבן אוועק שעות און שעות און טעג, און שרייבן קונטריסים וכדומה, כדי מחזק זיין קדושת ישראל, וואס פארלאנגט זיך נאך פון אונז, וואס מיר זענען די עיני העדה, וואס פון אונז איז מען מקבל די השפעה, וויפיל דארפן מיר טון, כדי אונז זאל מיר קענען מגדיל זיין קדושת ישראל.

*

**איך** וויל ארויסברענגען נאך א נקודה וואס מען האט גערעדט. מען רעדט דאך היינט די פראבלעמען **וואס די טעכנעלאגיע האט צוגעברענגט דערצו, אז בילדער פון איינעם צום צווייטן איז גארנישט. עס איז נישט דא קיין שום איסור צו זעהן וואס מען דארף נישט צו זעהן**. מען רעדט פון אמאל, פאר טעכנאלאגיע איז ארויפגעקומען, פאר עס האט זיך נאך אנגעהויבן, **ווען מען האט געזעהן פאר זיך א ראיה אסורה, האט עס געגעבן א ציטער דעם מענטש**. און ווען עס איז ארויסגעקומען די כלים,

איז עס געווארן אזוי ביליג, עס קומט ארויף נאכאמאל און נאכאמאל, - אפילו פון די געפילטערטע כלים - און עס האט אוועקגענומען די ציטער וואס עס איז געווען אמאל אפילו ביי א פשוטן יוד אויך. מער ווערט נאכגעשלעפט נאך די גאס, און מען פארלירט דעם ברען וואס מען האט אמאל געהאט פאר ערליכקייט.

**עס** איז דא וואס מען גייט אויף טערעפי, מענטשן וואס דארפן עס האבן. אבער עס איז לעצטנס געווארן איינגעריסן, אז מען גייט מענער צו פרויען, און פרויען צו מענער. מען זאל וויסן, אז עס ליגט דערין געוואלדיגע מכשולות, וואס מען הערט צוריק שפעטער, וואס דאס האט צוגעברענגט נאכדעם. עס איז זאכן וואס מען רעדט נישט ברבים, און מען ווייסט נישט ברבים דערפון, אבער מען דארף וויסן אז די מכשולות זענען זייער גרויס. מען קומט אסאך מאל און מען רעדט זיך איבער ווענגן גיין אויף טערעפי וכדומה, דארף מען אנזאגן אז מען זאל גיין א מאן צו א מאן, און א פרוי זאל גיין צו א פרוי. ווער גייט צו טעראפיסטן? מרי נפש, וואס זיי לעכצן צו הערן א גוט ווארט, וואס זאל זיי מחזק זיין וכדומה. און מען רעדט אסאך מאל פון פשוטע מענטשן מיט וועם מען טרעפט זיך, און עס קומט אויס אז מען רעדט נאכדעם זאכן, שטוב זאכן, פנימיות'דיגע זאכן וואס מען רעדט זיך אויס איינער פארן צווייטן, און די דיבורים ברענגען נאכדעם צו אסאך מכשולות.

**איך** וועל נישט אריינגיין יעצט אין די הלכה, אבער איך וויל נאר נאכזאגן, און מען קען עס נאכקוקן אינעווייניג אין שלחן ערוך (יו"ד סימן קנ"ז סעיף א'), אקעגן די הלכות פון אביזרייהו דגילוי עריות, וואס די הלכה איז, אז עס איז מחויב מסירת נפש! יהרג ואל יעבור! נישט נאר די עבירה אליין, נאר אפילו אביזרייהו, איז יהרג ואל יעבור! און נישט נאר א דאורייתא נאר אפילו א דרבנן, שטייט אין רמ"א, איז אויך יהרג ואל יעבור. דער ש"ך (שם סק"י) ברענגט צו די גמרא (סנהדרין עה.), וואו דער מקור דערויף איז, אז עס איז געווען איינער וואס איז נתן עיניו באשה, און מען האט דאך נישט מתיר געווען קיין איסור, האט מען געוואלט ער זאל איר קענען זעהן. האט מען געזאגט, ימות, ער זאל שטארבן, און ער זאל איר נישט זעהן. לספר עמה אחורי הגדר, ער וועט איר נישט זעהן, נאר רעדן מיט איר אחורי הגדר. אויב עס איז נתן עיניו בה, האט מען געזאגט, ימות ואל יספר עמה. איז דער טייטש, אז פונקט אזוי ווי אויף קריבות איז דא אן הלכה פון יהרג ואל יעבור, איז אפילו אויף א דיבור, אויב עס איז אויף א וועג פון נתן עיניו בה, איז דא א ענין פון יהרג ואל יעבור - איך גיי נישט יעצט אריין אין די פרטים ווי ווייט עס קומט, אבער איך וויל ארויסברענגען די הארבקייט דערפון. - **מען מיינט, אז א דיבור איז גארנישט, מען האט נאר גערעדט. די איסור פון הסתכלות, א הסתכלות ווען עס איז נתן עיניו באשה, און ער איז מסתכל נהנה זיין, און ער איז מדבר דברי חיבה, גייט עס אריין אין א גדר פון יהרג ואל יעבור.**

**עס** איז ליידער נפרץ, מען גייט. אבער אונז דארף מיר זיך מחזק זיין, און וויסן, אז אונז האב מיר די כוחות. עס איז געווען אסאך פירצות ביי כלל ישראל, און מען האט געמיינט אז מען קען עס נישט אפשטעלן, און מען זעהט אז מען האט מצליח געווען. אז מען לייגט זיך אריין אין א זאך, אונז דארף מיר טון, הבא לטהר מסייעין אותו (שבת קד.), ווען אונז וועל מיר זיך אריינלייגן, און טון וואס עס איז בידינו צו טון, איז זיכער אז עס וועט מאכן א רושם, און עס וועט משנה זיין די צורה וואס עס דארף צו זיין.

*

**די שייטלעך היינט, זענען ארויסגעגאנגען ממש פונעם נארמאלער וועג. און עס ווערט ערגער און ערגער, פון וואך צו וואך, פון יאר צו יאר. מאמעס מאכן חתונה די קינדער, און די מאמע אליין גייט מיטן טאכטער צו די שייטל מאכער, און זי וויל אז די טאכטער זאל גיין אזוי ווי זי גייט, און מען קען עס נישט אדורברעכן... און מען קומט אהיים צובראכענערהייט, און מען רעדט זיך אויס שפעטער, אז מיין טאכטער גייט נישט אזוי ווי איך גיי... און די מאמעס אליין באצאלן עס! און זיי דארפן נאך זיין לוקה ומשלם, מען באצאלט נאך אז מען זאל גיין אנדערש ווי די מאמע... כאטש אזויפיל ארויסברענגען, אל תטוש תורת אמך** (משלי א-ח), **נישט גיין ווייניגער ווי די מאמע גייט! מען בעהט נישט דו זאלסט גיין אזוי ווי מען איז געגאנגען מיט הונדערט יאר צוריק, נאר אזוי ווי דיין מאמע גייט, טויש עס נישט. דעם קליינעם טויש וואס דו טוישט יעצט פון וואס דיין מאמע גייט, איז א גרויסער טויש אין אלע ענינים! עס איז נישט נאר אז דו האסט**

**געטוישט יעצט די זאך. נאר אז די מאמע איז גארנישט מחייב, אז איך קען גיין אנדערש ווי די מאמע גייט, איז עס נישט מחייב אין די קלייד ווי אזוי דו גייסט, עס איז נישט מחייב אין אנדערע זאכן וואס די מאמע טוט, עס האט זיך אלעס אויפגעהערט. מען דארף ארויסברענגען די נקודה, בעסער מעג מען אייביג זיין, אבער נישט אוועקגיין פון וואס מען האט געזעהן ביי די אבות. עס איז א געוואלדיגער גדר פאר זיך אראפצולייגן, אז מען זאל נישט פאלן ווייטער.**

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען להגדיל תורה ולהאדירה, יעדער איינער האט אוועקגעגעבן צייט כדי זיך משתתף זיין, מען וויל האבן א חלק אין מרבה זיין קדושה בישראל. זאל דער באשעפער געבן, חפץ ה' יצליח, מיר זאלן קענען אויפטון. און יעדער איינער פאר זיך, איש לרעהו יאמר חזק, מען זאל זיך אליין מחזק זיין, און וויסן אז עס איז בידינו אויפצוטון. אויב יעדער טוט נאר אויף ביי צען יודען, האט מען אויפגעטון ביי טויזענט יודען, פון די אסיפה אליין. זאל דער באשעפער געבן ווייטער אויך, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ד סעיף ו') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, דער אייבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו, דבר אתו משפט, על שהקשה לדבר ולומר למה הרעותה לעם הזה (שמות ה-כב). משה רבינו איז געקומען אויסלייזן יודען, נאכדעם איז געווארן תכבד העבודה על האנשים, עס איז געווארן שווערער די עבודה. און משה רבינו רעדט זיך אפ פארן אייבערשטען, למה הרעותה לעם הזה, פארוואס האסטו שלעכט געטון פאר יודען. און דער אייבערשטער האט גערעדט מיט אים דברי משפט, די אבות האבן זיך נישט אפגערעדט אויף מיר, און דו ביסט מהרהר אויף מיינע מדות. ושמי ה' לא נודעתי להם, פאר זיי האב איך נישט אויסגעזאגט דעם שם, און פאר דיר האב איך יא געזאגט, ווי רש"י איז שוין מסביר.

**דער** ענין דערפון איז. דוד המלך זאגט אין תהלים (כג-ד), גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי, אפילו ווען איך גיי בגיא צלמות, איך גיי אויף א פינסטער פלאץ, וואס א מענטש איז דערשראקן וואס עס גייט פאסירן, זאגט דוד המלך, לא אירא רע, איך האב נישט קיין מורא, עס גייט נישט פאסירן קיין שלעכטס, כי אתה עמדי, ווייל דו ביסט מיט מיר. שבטך ומשענתך המה ינחמני, רש"י טייטשט, שבטך, דיין שטעקן וואס דו שלאגסט מיך, ומשענתך, דאס וואס דו טוסט מיך אונטערהאלטן, איך ווייס אז עס קומט פון דיר, המה ינחמני, דאס טוט מיך טרייסטן.

**ווען** א מענטש איז מאמין אז אלעס וואס עס גייט אדורך איז פונעם אייבערשטען, עס איז נישט דא קיין זאך וואס פאסירט פון זיך אליין, איז וואס עס קומט אויף אים, אין וואס פאר א מצב ער שטייט, אפילו עס איז אים שווער, איז עס געקומען פונעם רבונו של עולם, ווייסט ער אז עס קען נישט זיין קיין שלעכטס. מאתו לא תצא הרעות, דער באשעפער איז דער מקור הטוב, דער מקור הרחמים, פונעם אייבערשטן קען נישט ארויסקומען א זאך וואס איז שלעכט פארן מענטש.

**יא**, עס קען זיין אז עס איז ווייטאגליך פארן מענטש וואס ער גייט אדורך, און ער איז זיך מצער, דאס איז אמת, ער איז טאקע אין א צער. אבער זאגן אז עס איז שלעכט פארן מענטש? די צער וואס דו גייסט אדורך איז דיין טובה! עס איז פאר דיין תועלת דו זאלסט עס אדורכגיין! ווען א מענטש גייט צו א דאקטער, און ער מאכט אים א אפעראציע, עס טוט אים ווי, מען שניידט אים וכדומה, אבער ער ווייסט אז עס איז זיין טובה. ער רעדט זיך נישט אפ אז עס איז שלעכט, ער באצאלט נאך פארן דאקטער, און ער דאנקט פארן דאקטער וואס ער האט אים געטון, ער האט מציל געווען זיין לעבן. ווען א מענטש גלייבט אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן, אין אדם נוקף אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה (חולין ז.), א קלאפ אין א פינגער באקומט

מען נישט, אז מען האט נישט אויסגערופן אויבן! - אז עס איז פונעם אייבערשטען, קען עס נישט זיין קיין שלעכטס, מאתו לא תצא הרעות.

**מען** גיט א משל, ווען א קינד גייט צו א דאקטער, איז דאס קינד דערשראקן. דער דאקטער וועט אים געבן א נידל, עס וועט אים וויי טון. ווען די מאמע שטייט דארטן נעבן אים, איז דאס קינד בארוהיגט. ווען די מאמע כאפט אים נאך אן די הענט, איז ער נאך מער בארוהיגט. פארוואס? וואס איז געשעהן אז די מאמע שטייט דארטן? ווייל דאס קינד שטעלט זיך פאר, אז מיין מאמע שטייט דא, איז נישט מעגליך אז מיין מאמע זאל מיך איבערגעבן אין די הענט פון איינעם מיר צו טון שלעכטס. די מאמע האט דאך מיך ליב, ווי אזוי קען זיין אז עס זאל פאסירן שלעכטס. אז די מאמע שטייט דא נעבן מיר, מוז זיין אז דאס איז א טובה! עס טוט מיר טאקע וויי וואס ער טוט, אבער אז די מאמע איז דא, מוז זיין אז עס איז גוט! גם כי אלך בגיא צלמות, לא אירא רע, עס קען נישט זיין קיין שלעכטס, כי אתה עמדי, אז דו ביסט דארטן מיט מיר, אז די מאמע שטייט נעבן דעם, קען נישט זיין אז דאס זאל זיין רע.

**דוד** המלך האט מיטגעמאכט אלע זיינע יארן פון די יוגענט אן. אלץ קינד איז ער געווען מרוחק פונעם טאטען, מרוחק פון די ברודער. שפעטער ווען ער איז נתגדל געווארן, האט אים שאול רודף געווען, ער האט אים געוואלט הרג'ענען. שפעטער האט אים דער זון אבשלום געוואלט הרג'ענען. ער איז געווען ארומגענומען מיט צרות זיין גאנץ לעבן. און די גרעסטע מזמורים, די גרעסטע שירות ותשבחות, קומט פון דוד המלך! מזמור לדוד ווען מען האט אפגעהיטן דעם בית להמיתו, האט ער געזאגט א מזמור (מזמור נ"ט). מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו, האט ער געזאגט א מזמור (מזמור ג'). ער איז געווען מלא רדיפות, אבער ער האט געוואוסט אז די רדיפות האבן א חשבון פון אייבערשטען. און אז עס איז פונעם אייבערשטען, קען נישט זיין קיין שלעכטס, און ער דאנקט דעם אייבערשטען. אפילו איך פארשטיי נישט די טובה דערין, אבער אז עס קומט פון באשעפער, מוז עס זיין אז עס זאל זיין גוט. ענדיגט דוד המלך דעם מזמור, אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי, אפילו ווען איך האב רדיפות, כל ימי חיי האב איך רדיפות, אבער עס קען נאר זיין אך טוב וחסד. די רדיפות אליין מוז זיין טוב וחסד. אויב עס איז אתה עמדי, אז דו ביסט צוזאמען מיט מיר, קען נישט זיין עס זאל זיין שלעכט.

**ווען** משה רבינו וואלט זיך אפגערעדט פארן אייבערשטען און זאגן, אז דו האסט אוועקגעקוקט פון יודען, און עס איז דא אן הסתרת פנים פון דיר. דו האסט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון פרעה, פרעה קען טון מיט זיי וואס ער וויל. און ער פרעגט דעם אייבערשטען, פארוואס גיט מען רשות פאר דעם פרעה אז דער פרעה זאל אזוי פייניגן יודען, וואלט נישט געווען קיין קשיא אויף משה רבינו. דוד המלך זאגט אויך אין תהלים (יג-ב), עד אנה ה' תשכחנו נצח, עד אנה תסתיר את פניך ממנו, ווילאנג וועט זיין אן הסתרת פנים, דו פארגעסט פון מיר. אבער ווען משה רבינו פרעגט נישט למה פרעה הרע לעם הזה, פארוואס פרעה טוט זיי שלעכטס. נאר ער זאגט פארן אייבערשטען דירעקט, למה הרעותה לעם הזה, פארוואס האסטו שלעכטס געטון. דו גלייבסט אז עס קומט פונעם אייבערשטען, דו זאגסט אז די שלעכטס וואס גייט אדורך אויף זיי איז נישט פון פרעה, דו רעדסט זיך נישט אפ פארוואס פרעה קען שלעכטס טון, נאר דו רעדסט זיך אפ למה הרעותה לעם הזה, דאס איז דאך א קשיא מיט א תירוץ צוזאמען. אז עס קומט פון דיר, קען נישט זיין עס זאל זיין שלעכטס. וואס איז די קשיא פון משה רבינו למה הרעותה, פארוואס האסטו שלעכטס געטון? איז דען שייך צו זאגן אויפן אייבערשטען אז דער אייבערשטער טוט שלעכטס, עס איז דאך מאתו לא תצא הרעות.

**מען** זעהט אז דער שם הוי"ה איז דער שם הרחמים פונעם אייבערשטען. פארוואס איז פונקט אין שם הוי"ה, דארט ליגט דער שם פון רחמים? ווייל הוי"ה דאס איז היה הוה ויהיה, דער אייבערשטער טוישט זיך נישט. ביי א מענטש איז דא, נעכטן איז ער אזוי געווען, היינט איז ער אזוי. נעכטן איז ער געווען אין די מאא"ד היינט איז ער אין די אנדערע מאא"ד, מארגן איז ער אין א פרישע מאא"ד, א מענטש איז נישט דער זעלבער. כביכול ביים אייבערשטען, היה הוה ויהיה, אלעס איז אין די זעלבע מדריגה ביים אייבערשטען שטענדיג. ווען מען זאגט אז דער אייבערשטער איז 'מלא רחמים', איז עס נישט אמאל יא, און אמאל נישט, אתה מלא רחמים איז היה הוה

ויהיה, אין אלע זמנים איז דער אייבערשטער א מלא רחמים! קומט אויס, אז דער אייבערשטער'ס נאמען איז דער שם הוי"ה, און דאס איז דער שם הרחמים, איז טייטש אז עס איז נישט דא קיין שינוי ביים אייבערשטען אין די מדה פון רחמים. און אז עס קומט פונעם אייבערשטען, קען נישט זיין עס זאל זיין שלעכטס.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, די אבות זענען אויך אדורכגעגאנגען שווערע זמנים, ושמי ה' לא נודעתי להם, איך האב זיי קיינמאל נישט אויסגעזאגט אז מיין מדת הרחמים איז היה הוה ויהיה, עס איז תמידי. און פון דעסטוועגן דאך האבן זיי זיך נישט אפגערעדט, זיי האבן געוואוסט אז עס איז פונעם אייבערשטען, אין אדם נוקף אצבעו מלמטה, אלא אם כן אם מכריזין עליו מלמעלה. און דיר האב איך דאך שוין אויסגעזאגט אז דער שם הרחמים איז דער שם הוי"ה, וואס דעם אייבערשטען'ס רחמים איז שטענדיג, און עס איז אייביג מלא רחמים, און דו פרעגסט מיך למה הרעותה לעם הזה. דו זאגסט אז איך האב עס געטון, און דו זאגסט אז איך האב דיר שלעכטס געטון, דאס איז אזוי ווי די קשיא מיטן תירוץ צוזאמען..!

**איך** האב געהאט א רבי אין חדר, וואס ווען די גמרא האט געזאגט א קשיא און א תירוץ, און א יונגל האט צוזאמגעלערנט די גמרא, ער האט נישט געוואוסט צו זעצן די ווערטער, און ער האט געזאגט די קשיא מיטן תירוץ אינאיינעם. פלעג דער רבי צו זאגן, אז דאס איז אזוי ווי איינער פרעגט, פארוואס מאכט מען נישט קיין אויווען פון פוטער, עס וועט זיך דאך צוגיין..? ער זאגט די קשיא, פארוואס מאכט מען נישט קיין אויוועז פון פוטער. און די תירוץ איז, ווייל עס וועט צוגיין. און ער פרעגט עס בלשון קשיא, פארוואס מאכט מען נישט קיין אויוועז פון פוטער, עס וועט צוגיין..? - אז דו פרעגסט למה הרעותה, האסטו געפרעגט די קשיא מיטן תירוץ צוזאמען. וועגן דעם איז דבר אתו משפט, פארוואס ער האט געזאגט למה הרעותה לעם הזה.

*

***יום שני פרשת בא***

בשעות הערב שימש **רבינו שליט"א** בסידור קידושין אצל החופה של בת הר"ר **יהושע חיים גאלדבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יואל ראזענפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרב **בערל לאקס** שליט"א (ר"מ בישיבה קטנה), עב"ג בת הר"ר **בנימין פערלשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א (מנהל הת"ת בוומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **יצחק מאנדל** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן ש"ב **הגה"צ רבי אהרן כ"ץ שליט"א** אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג (בן אחיו כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל, וחתן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי יעקב ישראל ישורון טייטלבוים שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד וואלאווע שליט"א, חתן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א), שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, ובריקוד מיוחד עם בני וחתני **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת בא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל שם תפלת מנחה.

אחר מנחה נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, וקבע מזוזה בביתו החדש של הר"ר **יונה לעפקאוויטש** הי"ו.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת פעלדהיים שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר ישראל פעלדהיים ע"ה).

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **ישכר דוב** נ"י בן הר"ר **מרדכי נאה** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בערל פאללאק** הי"ו, שהתקיים באולם ווילהאוויץ.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בן **כ"ק האדמו"ר מבאבוב שליט"א**, עב"ג בת הרה"ג רבי **בעריש ארנסטר** שליט"א (בן הגה"צ רבי ישראל ארנסטר שליט"א), שהתקיים באולם ריגער, מיוחד למאות בחורי ישיבות באבוב.

בסעודת השבע ברכות נשא **רבינו שליט"א** דברים מיוחדים לכבוד השמחה, מתובל בדברי הדרכה לבחורי הישיבה. אחר כך עמדו בריקוד, ורקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם **כ"ק האדמו"ר מבאבוב שליט"א**. אחר ברכת המזון נתכבד **רבינו שליט"א** בברכה אחריתא, **והאדמו"ר מבאבוב** ליוה את **רבינו שליט"א** בדרך צאתו ביותרת הכבוד, ונפרדו לשלום בברכות לרוב.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**ברשות** כ"ק אדמו"ר שליט"א, די חשובע מחותנים, ידידי הרהגה"צ רבי ישראל, דער מחותן, און אלע משתתפים. עס איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה אטייל צו נעמען ביי די שמחת שבע ברכות היינט נאכט, מען האט פריער געהערט אז עס איז געווידמעט פאר די תלמידי הישיבה. די שמחה איז גרויס, מען דערמאנט זיך צוריק אסאך יארן, ווי אזוי דער פריער'דיגער רב זכרונו לברכה איז געקומען אויף אמעריקא, ער האט אנגעהויבן מיט א מתי מעט, אודים מוצלים מאש וואס זענען געבליבן נאך אזא גרויסן חורבן. יונגע בחורים וואס האבן מיטגעמאכט אזא קריג, יארן געווען אפגעריסן פון תורה, און מען האט זיך אסאך אוועקגעגעבן אויפצושטעלן א נייעם פרישן דור. און מען זעהט היינט, שאו סביב עיניך וראו כולם נקבצו באו לך, וואס זענען דא און וואס זענען נישט דא, אן אימפעריע פון תורה וואס עס איז אויסגעוואקסן פון די פלאג מיט מסירת נפש וואס מען האט אנגעהויבן, און עס ווערט היינט נמשך מיט אזא תפארת, מיט אזא שיינקייט, איז באמת א שמחה אטייל צו נעמען.

**די** גמרא (כתובות יז.) זאגט, אז רבי יהודה בר אילעאי פלעג זיך צו פרייען מיט א בד של הדס. ער האט גענומען א בד של הדס, און דאס האט ער געווארפן אין די לופט, און מיט דעם האט ער משמח געווען ביי די שמחה. רב שמואל בר רב יצחק הוה מרקד אתלת, רב שמואל בר רב יצחק פלעג צו נעמען דריי הדסים, און ער האט עס געווארפן אין דער לופט, און אלץ מקבל געווען איינס מיט איין האנט, און איינס מיט די אנדערע האנט, און איינס איז געבליבן אין דער לופט, אויף דעם וועג האט ער משמח געווען ביי די שמחה. דער **מהרש"א** שטעלט זיך, וואס איז דער מרקד 'אתלת', עס וואלט געדארפט שטיין הוה מרקד 'בתלת', אנשטאט צו נעמען איין הדס האט ער גענומען דריי. מרקד אתלת איז דער טייטש, אז ער האט געטאנצט אויף די דריי. ער האט דאך נישט געטאנצט אויף די הדסים, ער האט געטאנצט מיט די הדסים?

**איך** האב אמאל געזאגט, אז מען ווייסט אז ווען מען האט חתונה, קומען אראפ אלע השפעות פארן מענטש. שרוי בלא אשה, שרוי בלא טובה, שרוי בלא שמחה, שרוי בלא תורה, שרוי בלא חומה (יבמות סב:), אלעס פעלט. און בשעת מען שטעלט אויף א נייע יודישע שטוב, דעמאלטס הייבט אן חל צו זיין די ברכה פארן מענטש. בדרך כלל ווייס מיר דאך, אז זוגות איז דער היפך פון א ברכה (פסחים קט:), און פארוואס דא ווען עס ווערט זוגות, עס קומט זיך צוזאם א חתן מיט א כלה, און מען בויט אויף א נייע שטוב, דעמאלטס הייבט זיך אן די ברכה. עס וואלט דאך געדארפט זיין פארקערט.

**דער** פשוטער פשט איז, ווייל אזוי ווי אונז ווייס מיר, אז א מענטש איז נאר א פלג גופא. זכר ונקיבה בראם ויקרא שמם אדם (בראשית ה-ב), א מענטש איז נישט קיין דבר שלם, ביז ער האט חתונה, און צוזאמען בויען זיי א שטוב. אעשה לו עזר כנגדו (ב-יח), זכה נעשית לו עזר (יבמות סג.). יעדער פאר זיך איז נאר א פלג גופא, און צוזאמען ווערט עס איין גוף, עס איז נישט קיין זוגות. אויב יעדער בלייבט ביי זיך אין שטוב נאכדעם א גאנצער גוף, און מען וויל זיך נישט צוזאם נעמען עס זאל זיין א פלג גופא, איז עס זוגות, און דעמאלטס איז נישט דא קיין ברכה אין די שטוב. א ברכה אין א שטוב איז דא, ווען צוויי פלג גופות קומען זיך צוזאם, און עס ווערט איינס, ביי איינס איז דא א ברכה.

**אבער** עס ליגט דערין נאך א נקודה. די גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה שזכו, שכינה ביניהם. מיר האבן נישט היינט קיין בית המקדש, מיר האבן נישט היינט קיין מקום פון השראת השכינה, שטייט אבער אין פסוק (יחזקאל יא-טז) ואהי להם למקדש

מעט, עס איז דא קליינע בתי מקדשים. א בית המדרש וואו מען לערנט תורה, בתי כנסיות, דאס איז אלעס א מקדש מעט.

**עס** איז אבער דא נאך א מקדש מעט, יעדער ביי זיך אין שטוב. אז מען פירט א ערליכע שיינע יודישע שטוב על דרך ישראל סבא, איז דא השראת השכינה אין די הויז. איש ואשה שזכו, שכינה ביניהם, זיין שטוב איז א בית המקדש. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם זאגט די תורה (שמות כה-ח), מאך א מקדש וואו איך זאל קענען רוען דארטן. עס גייט טאקע ארויף אויפן משכן וואס מען האט געמאכט אינעם מדבר, אבער ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו, אזוי זאלט עטץ נאכטון, לדורות. אין אלע דורות דארף א יוד בויען, אז זיין שטוב זאל זיין א בית המקדש.

**עס** שטייט אין **אלשי"ך הק'**, ויטוש משכן שילה, אהל שכן באדם (תהלים עח-ס). דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט די משכן שילה, אהל שכן באדם. דער פשוטער פשט איז, אז עס גייט ארויף אויפן ויטוש, דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט דער משכן שילה, ער האט איבערגעלאזט דעם אוהל וואס ער האט געהאט צווישן מענטשן. דער אייבערשטער רוהט דאך אויבן אין הימל, און ער האט איבערגעלאזט דעם בית המקדש פון אונטען. זאגט דער אלשיך הק', ניין. 'ויטש משכן שילה', דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט די משכן שילה, און וואו האט ער געלייגט זיין משכן, 'אהל', ער האט גענומען דעם אוהל, 'שכן', און דאס האט ער געמאכט רוען, 'באדם'. בשעת מען שטעלט אויף א נייע יודישע שטוב, זכו איז דאך שכינה ביניהם, עס ווערט דארטן א מקום פון השראת השכינה.

**קומט** אויס, אז א יודישע שטוב איז נישט קיין זוגות, א יודישע שטוב באשטייט פון דריי, איש ואשה שזכו, איז די שכינה דארט. אויב עס איז לא זכו, און די שכינה איז נישט דארט, דעמאלטס איז עס זוגות, און דעמאלטס איז אש אוכלתן. אבער ביז ווילאנג עס איז דא די שכינה אין שטוב, איז דארט דער מקור פון די ברכה וואס עס איז דא אין די הויז.

**רש"י** איז מסביר, וואו איז די שכינה וואס איז דא ביי איש ואשה. זאגט רש"י, א 'איש' האט אין זיך א יו"ד, און א 'אשה' האט אין זיך א ה"א, דאס איז דעם אייבערשטן'ס נאמען, שבטי י-ה' עדות לישראל (תהלים קכב-ד), דער אייבערשטער איז דאס משרה אויף יודישע שטובער. זכו, אז מען איז זוכה, שכינה ביניהם, בלייבט דער יו"ד מיט דער ה"א אינעווייניג, און די שכינה איז דארט. לא זכו, נעמט דער אייבערשטער אוועק זיין יו"ד, ער נעמט אוועק זיין ה"א, און עס איז אש אוכלתן, עס בלייבט איבער ביי אים 'אש', און ביי איר 'אש', און אש אוכלתן.

**קומט** דאך אויס, אז אויב עס איז זכו, האט יעדער דריי אותיות. דער איש האט דריי אותיות, און אשה האט דריי אותיות. און עס באשטייט א שטוב פון דריי, איש ואשה מיט די שכינה. אז עס איז לא זכו, איז נישט דא די דריי, עס איז נישט דא קיין השראת השכינה, זיי בלייבן נאר אליין אינעם שטוב. און עס איז אש אוכלתן, עס פעלט דער יו"ד בלייבט אש, עס פעלט דער ה"א בלייבט אש, איז נישט דא קיין ברכה, אש אוכלתן.

**רב** שמואל בר רב יצחק הוי מרקד, וואו האט זיך רב שמואל בר רב יצחק געפריידט און געטאנצט, אתלת, ווען עס איז אזא שידוך, ווען עס איז אזא נישואין, וואס עס וועט זיין דארטן אלע דריי. עס וועט זיין די שכינה ביניהם, און ער וועט בלייבן מיטן יו"ד, און זי וועט בלייבן מיט די ה"א, עס וועט זיין תלת פון אלע זייטן, דארט האט ער זיך געפריידט. אויף א שידוך וואס איז נישט תלת, א שידוך וואס איז נישט דא דארט שפעטער א השראת השכינה, אויף אזא שמחה האט ער זיך נישט געפריידט.

*

**איך** וויל זאגן א פאר ווערטער וואס איז נוגע לענינינו. מען רעדט צו בחורים, וואס זענען מקבל תורה פון דעם משפיע, פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט, און איך וועל עס מקדים זיין מיט א ווארט אין די פרשה. די וואך אין די פרשה פארציילט די תורה הק', דעם ערשטען דיבור וואס דער אייבערשטער האט גערעדט א מצוה צו יודען ווען מען איז ארויס פון מצרים, החודש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה (יב-ב). נאכדעם האט מען געגעבן די מצוה פון קרבן פסח, אז משה רבינו זאל עס איבערגעבן פאר יודען. די תורה ענדיגט דערויף, אז משה רבינו איז געגאנגען, און ער האט איבערגעגעבן

פאר יודען די ציווי פונעם אייבערשטען, וילכו ויעשו בני ישראל כאשר צוה ה' את משה, כן עשו (יב-כח), יודען האבן געטון וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען פאר משה מיט אהרן. רש"י גיט צו, כן עשו, אף משה ואהרן כן עשו, משה און אהרן האבן אויך אזוי געטון.

**רש"י** שטעלט זיך, און עס איז א מכילתא, עס איז דאך געווען ראש חודש, און מקחו איז דאך ערשט געווען בעשור, עס איז נאך געווען צען טאג ביז מען דארף עפעס נעמען, פארוואס שטייט וילכו ויעשו, ווען משה רבינו האט געענדיגט רעדן זענען זיי געגאנגען און זיי האבן געטון. עס איז נישט דא וואס צו טון, מען וועט ערשט טון אין א וואך ארום. זאגט רש"י, אזוי ווי זיי האבן מקבל געווען אויף זיך אז זיי גייען טון, מעלה עליהם הכתוב כאילו עשו. ביי די ערשטע מצוה וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען פאר יודען האט ער אונז שוין אויסגעלערנט, אז א גוטע קבלה וואס א מענטש איז מקבל אויף זיך, אפילו ער האט עס נאך נישט אויסגעפירט, פון דעסטוועגן דאך מעלה עליהם הכתוב כאילו עשו. אז מען הערט מוסר, מען הערט דברי תורה, און מען ווערט נתעורר, און עס איז דא א קבלה בלב, איך וויל זיך פירן אויף דעם וועג וואס איך האב געהערט, מעלה עליהם הכתוב האט עס די תורה שוין גערעכנט, כאילו ער האט שוין מקיים געווען וואס מען האט מצווה געווען. ער דארף טאקע טון שפעטער אויך, אבער עס איז שוין דא עשייה פון די קבלה אליין.

**איך** מיין אבער עס ליגט דערין נאך א נקודה, וואס איז דער וילכו ויעשו בני ישראל כאשר צוה ה' את משה ואהרן. דער אייבערשטער האט זיי מצווה געווען החודש הזה לכם ראש חדשים, ער האט געוויזן פאר משה רבינו די לבנה, און ער האט אים געזאגט, קוק די לבנה, כזה ראה וקדש, אזוי ווי די לבנה זעהט יעצט אויס בשעת חידוש, ווען דו וועסט זעהן די סארט לבנה, דארפסטו עס מקדש זיין. אומות העולם ציילן צו די זון, און ישראל מונין ללבנה (סוכה כט.), אונז צייל מיר צו די לבנה. וואס איז די נקודה אז ישראל מונין ללבנה? מיר זענען דאך די חשוב'סטע פון די גאנצע וועלט, עס איז נישט דא נאך ווי דער כלל ישראל, מיר זענען די זון, מיר באלייכטן די וועלט, מיר זענען נישט קיין לבנה, פארוואס איז ישראל מונין ללבנה, אונז צייל מיר צו די לבנה.

**דער** חילוק צווישן די זון און די לבנה איז אין צוויי זאכן. איינס, די זון ווארעמט, די לבנה ווארעמט נישט. עס איז ליכטיג, אבער עס גיט נישט ארויס א ווארימקייט צו ווארעמען א צווייטן. דער צווייטער חילוק איז, די זון פאר זיך אליין האט א אייגענע ליכטיגקייט, אן אייגענעם אור, א פייער וואס גיט ארויס דעם ליכטיגקייט. די לבנה פאר זיך, איז א קאלטער דומם, ער האט נישט קיין שום אור אין זיך, ער איז נאר מקבל ליכטיגקייט פון דעם זון, און אזוי לייכט ער. וועגן דעם איז די לבנה נישט אייביג אויפן זעלבן מצב, עס איז דא אמאל וואס די לבנה איז במילואה, און אמאל איז דא וואס מען זעהט נאר א חלק דערפון, און עס איז דא אמאל וואס מען זעהט אינגאנצען נישט די לבנה. ווייל עס ווענדט זיך ווי אזוי די לבנה שטייט אקעגן די זון. ווען עס שטייט אויף אזא אופן אז די זון טוט אים באלייכטן אינגאנצען, לייכט ער אינגאנצען. ווען ער שטייט אויף אזא וועג אז ער איז אוועקגעדרייט פון די זון, לייכט ער אינגאנצען נישט. ווען ער איז אביסל אפען צו די זון, לייכט ער אביסל. דאס איז די צורה פון די לבנה.

**דער** אייבערשטער האט אויסגעשטעלט די וועלט, אז עס איז דא משפיעים און מקבלים. ראה הקב"ה צדיקים מועטים, עמד ושתלן בכל דור (יומא לח:), דער אייבערשטער האט שותל געווען צדיקים אין יעדן דור, אין יעדן דור איז דא מנהיגי ישראל וואס זיי טוען באלייכטן דעם כלל ישראל. דער כלל ישראל איז אסאך מאל אזוי ווי א דומם, ער לייכט נישט. ווען ער שטעלט זיך אבער אקעגן די זון, ער שטייט אקעגן די ליכטיגקייט פונעם זון, איז אפילו ער איז א קאלטער דומם, הייבט ער אן צוביסלעך צו לייכטן. און עס ווענדט זיך וויפיל ער האט זיך געשטעלט אקעגן די זון. אויב ער שטייט נאר אביסל אקעגן די זון, לייכט ער נאר אביסל. ווען ער שטייט אינגאנצען אקעגן די זון, דעמאלטס לייכט ער נאך מער. ווען ער דרייט זיך אוועק אינגאנצען, לייכט ער גארנישט.

**ישראל** מונין ללבנה, יודען ציילן צו די לבנה. כלל ישראל איז אויסגעשטעלט אז אונזערע מנהיגים דאס

איז דער זון, זיי זענען ליכטיג פאר זיך אליין, און זיי געבן ארויס ליכטיגקייט פאר די וועלט. זיי זענען משפיע פאר זייער ציבור, זיי זענען משפיע פאר זייערע תלמידים, פאר זייערע חסידים, תורה עבודה און יראת ה', און וואס עס פעלט אויס צו זיין א יוד. אבער עס ווענדט זיך אין די מקבלים, ווי אזוי שטעלסטו דיך צו, צו דעם משפיע. ווי אזוי שטייסטו אקעגן אים. שטייסטו מיטן גאנצן פנים אויסגעדרייט מקבל צו זיין, ביסט אינגאנצען צוגעשטעלט אקעגן דעם זון, וועסטו לייכטן. טאמער דו שטייסט נאר אביסל, וועסטו אביסל לייכטן. און אז דו שפירסט אז עס איז דיר גוט אזוי אויך, דו דארפסט עס אינגאנצען נישט האבן, וועסטו בלייבן א דומם, אומבאלאכטן.

**ישראל** מונין ללבנה, יודן ציילן צו די לבנה. ווייל דער אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען, אז אפילו ווען א מענטש פאר זיך אליין לייכט נישט, פאר זיך איז ער נאר א דומם, אבער אויב דו וועסט זיך דרייען נעבן די זון, דו וועסט זיך דרייען אויף דעם פלאץ ווי די זון שיינט, וועט דיר צוקומען א אור. און אזוי קען זיך האלטן דער כלל ישראל. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, 'כזה ראה', קוק ווי אזוי די לבנה איז. אמאל זעהט מען די לבנה, און אמאל זעהט מען אים נישט, לערן דיך פון דעם אראפ, אז ווען די לבנה שטייט אקעגן די זון, נאר דעמאלטס לייכט ער, 'וקדש', דעמאלטס וועסטו זיך קענען מקדש זיין, דעמאלטס וועסטו קענען זיין ווי עס דארף צו זיין. **ווען א יוד שטעלט זיך אויס, אז ער איז גרייט מקבל צו זיין, און ער וויל מקבל זיין, דעמאלטס שיינט ער און ער לייכט.**

**עס** זיצן דא תלמידים צוזאמען מיט זייער רבי'ן לאורך ימים ושנים טובים. מען קען אסאך מקבל זיין. עס ווענדט זיך נאר ווי אזוי מען שטעלט זיך אהער. דער רבי זאל זיין געזונט איז אזויפיל משפיע פאר די בחורים. מען האט פריער געהערט, די בחורים ליגן אים אויפן קאפ, יעדער איינער עקסטער פאר זיך. מען איז מקבל, מען קומט, און מען זוכט צו הערן א גוט ווארט. און ווען מען הערט עפעס, איז מען גרייט צו ארבעטן מיט דעם וואס מען האט געהערט, מען וויל גיין דערמיט ווייטער, דעמאלטס איז מען מצליח.

**אז** מען הערט צו שבתים ווען מען קומט זיך צוזאם, איז דאס א דברי חיים שיעור, צו אנדערע מוסר שמועסן וואס עס קומט אויס צו הערן, דארף מען שטענדיג געדענקען ישראל מונין ללבנה, אונז צייל מיר צו די לבנה. ווען דו וועסט שטיין אקעגן די זון, אזוי לאנג וועסטו לייכטן. **וויפיל מאל זעהט מען תלמידים וואס אין ישיבה זענען זיי געווען פיין, געלערנט פיין, און זיך געפירט ערליך, און סיבות האבן געברענגט אז ער האט זיך אפגעטיילט אביסל פון זיין חברותא, ער האט זיך אפגעטיילט אביסל פון זיין רבי, אפגעטיילט זיך פון זיינע חברים, און ברבות הימים זעהט מען די קאלטקייט וואס איז דא, און אסאך מאל איז עס מער ווי די קאלטקייט וואס מען זעהט. ווייל א יוד קען נישט לייכטן, ער איז א לבנה, ער איז חושך, ער קען נישט לייכטן נאר ווען ער שטייט אקעגן איבער די זון. און ווי מער ער שטעלט זיך צו, צו די זון, וועט ער אלץ מער לייכטן.**

**משה** רבינו האט דא געזאגט פאר כלל ישראל צוויי זאכען, החודש הזה לכם ראש חדשים, אז יודען גייען ציילען צו די לבנה, און די מצוה פון פסח. די מצוה פון פסח קען מען טאקע נישט טון יעצט, עס איז מקחו מבעשור. אבער וילכו ויעשו בני ישראל כאשר צוה ה' את משה ואהרן, דעם לימוד וואס משה רבינו האט זיי געלערנט, אז יודען ציילן צו די לבנה, צו ווייזען אז מען דארף זיך מדבק זיין צו צדיקים, דאס האבן זיי תיכף געטון. נו, דאס איז שייך אויף כלל ישראל, די חידוש איז, אף משה ואהרן כן עשו, משה ואהרן זענען דאך געווען די גרעסטע ביי כלל ישראל, און פון דעסטוועגן דאך והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג), און אהרן איז דאך געווען ונחנו מה (שמות טז-ח), זיי זענען געווען שקולים כאחד (רש"י שמות ו-כו), כן עשו, זיי האבן אויך אזוי געטון, זיי האבן זיך אויך מכניע געווען צו די וועם זיי האבן געהאלטן אז זיי זענען גרעסער פון זיי.

*

**עס** איז ביי מיר א שמחה פון מרקד אתלת. איך זיץ ביי די שבע ברכות היינט, פונעם רבי'ן'ס א קינד. איך דערמאן זיך צוריק, יארן צוריק, ווען דער רב זכרונו לברכה איז געווען אמאל מוצאי שבת א מלוה מלכה אין וויליאמסבורג, און עס איז מיר אויסגעקומען דעמאלטס איך זאל אויפטרעטן ברבים, מקבל פנים זיין אין נאמען פון די רבנים פון די שטאט. דעם רב"נס זאל זיין געזונט ברודער, איז אמאל געווען א

שבת אין וויליאמסבורג, און איך בין געגאנגען פרייטאג צו נאכטס אטייל נעמען ביים טיש. יעדער ווייסט דאך זיין מדת ענוה וואס ער האט געהאט ביי זיך, וועןאיך בין אריינגעקומען, די ערשטע מינוט ווען ער האט מיך געזעהן, האט ער זיך אנגערופן, 'אויף דעם האב איך זיך נישט גערישט', אז מען ווערט קומען צו אים.

**מען** האלט ביים דריטן דור, דער רבי זאל זיין געזונט, עס פאסט נישט צו זאגן, אבער מיר זענען ידידים נאמנים, א אהבה שאינה תלויה בדבר. און מען זעהט ב"ה אז די גאלדענע קייט ציהט זיך ווייטער, עס איז מרקד אתלת, עס איז א שמחה וואס עס נעמט זיך צוזאם פון דריי דורות צוריק.

**איך** בין אמאל געווען מיט מיין טאטען ז"ל מנחם אבל זיין ביים רב ז"ל, [ער איז געזעסן שבעה מיין איך נאך א שוועסטער], האט ער געפרעגט מיין טאטען, צו ער האט געקענט זיין פאטער. האט ער געזאגט, יא. האט ער געפרעגט, וואו איז אויסגעקומען. מיין טאטע איז דאך געווען אין אונגארן, און ער איז דאך געווען אין פוילן, וואו איז אויסגעקומען אז מען זאל זיך קענען זעהן? האט מיין טאטע ז"ל געזאגט, אז ער האט אלץ בחור ליב געהאט צו זעהן אלע צדיקים, און ער איז אמאל אראפגעפארן אויף טשעבין, כדי ער זאל קענען דעם באבוב'ער רב. האט ער געפרעגט, ווי קומט ער אן אויף טשעבין? האט מיין טאטע ז"ל געזאגט, אז מיר זענען פון דערהיים בעלזער חסידים, און ער איז געפארן אויף די הייליגע טעג אויף בעלזא, און ער איז געפארן דורך גאליציע, האט ער אויסגערעכנט אז אויפן וועג זאל ער קענען זיין אין טשעבין, ער זאל קענען זעהן דעם באבוב'ער רב.

**האט** מיין טאטע ז"ל פארציילט, אז פאר דעם איז ער געווען ביי א איש קדוש, א רבי, א גרויסער צדיק, [איך וויל נישט מזכיר זיין דעם נאמען, מען זאל עס נישט שלעכט אויסטייטשן], מיר זענען געווען א קבוצה פון בחורים וואס מיר זענען געגאנגען, און ער האט אונז געפרעגט, וואו אונז גיי מיר, וואס מיר טוען דא? האבן מיר געענטפערט, אונז פאר מיר אויף בעלזא אויף די הייליגע טעג, און מיר זענען אדורכגעפארן, זענען מיר אריינגעקומען. האט אים דער רבי געפרעגט, וואס איז שלעכט אז עטץ וועטס בלייבן ביי אונז אויף די הייליגע טעג? [ער איז געווען א איש קדוש, פון וועם מען רעדט]. איך האב נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, ער האט גענומען א פאס מיט אלעם, מען פארט אויף בעלזא, און בלייבן דא? מען האט גארנישט געענטפערט, און מען איז געגאנגען ווייטער.

**האט** מיין טאטע ז"ל געזאגט פארן רב ז"ל, ווען איך בין אנגעקומען אויף טשעבין, פרעגט מיך אויך דער באבוב'ער רב, וואס איך טו דא? נו, איך האב דאך שוין מורא געהאט פון פריער צו ענטפערן דעם אמת, אז איך פאר אויף בעלזא, און איך האב זיך אפגעשטעלט דא. האב איך געזאגט, איך האב געדארפט עפעס זיין דא, אויף משפחה זאכן. האט דער רב ז"ל געזאגט, עה, פאר מיין טאטען, ווען איר וואלט ווען געזאגט אז איר פארט אויף בעלזא, וואלט ער אייך נאך צוגעגעבן געלט צו די שפעזן, אז איר זאלט קענען אהין אנקומען...

**דאס** איז טייטש א זון מיט די לבנה. דאס איז טייטש אז מען זוכט מרביץ תורה זיין, מען זוכט אויפצושטעלן יודישקייט. און ווען מען בייגט זיך צו דעם מנהיג, דעמאלטס לייכט מען. און אז איך קום צו אזא שמחה, און איך זעה ב"ה ווי אלע שטייען אויסגעדרייט מיטן פנים, די זון אקעגן די לבנה. עס איז דא א זון וואס לייכט, א זון וואס שיינט, און ווען מען שטייט אויסגעדרייט אינגאנצען, לייכט מען אליין אויך, ווייל ווען די לבנה איז אויסגעדרייט צו די זון, לייכט עס.

**איז** נאר דא אזויפיל צו וואונטשן, אז דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער פארן רבי'ן זאל זיין געזונט, אז מען זאל זעהן אסאך נחת דקדושה פון די קינדער זעלבסטפארשטענדליך, און ביי די תלמידים וואס זענען קרויים בנים, וואס די רוחניות'דיגע קינדער זענען אזוי חשוב ווי די אייגענע קינדער. מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה מתוך נחת און הרחבת הדעת. דאס איז די ברכה פארן משפיע. די ברכה פאר די מקבלים איז, אז זיי זאלן קענען אייביג נעמען פון די ליכטיגקייט וואס מען איז אויף זיי משפיע. עס זאל זיין מרקד אתלת, מען זאל זיך קענען פרייען מיט אלע דריי ברכות וואס די תורה האט אונז געגעבן, ברכת כהנים באשטייט דאך פון דריי ברכות. און די עיקר פון די

ברכות איז דאך אלץ, בני, חיי, ומזוני, דאס איז אויך אתלת. עס זאל קענען זיין א שטענדיגע שמחה, פון די שמחה זאל נמשך ווערן ווייטער א שמחה פון תלת, לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה׳ מעתה ועד עולם, מתוך שמחה וטוב לבב. מען זאל זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת בא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **הערשל שטייף** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום חמישי פרשת בא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק׳** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

*

***שבת קודש פרשת בא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט״א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט״א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהגה״ק בעל פני יהושע זצ״ל** (לרגל היומא דהילולא ביום י״ד שבט).

בקריאת התורה התקיים שמחת עליה לתורה של החתן **חנני׳ יו״ט ליפא** נ״י בן הר״ר **יעקב משה פריעדמאן** הי״ו, והחתן **זאב** נ״י בן הר״ר **יוסף פישער** הי״ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחות.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט״א** אצל הקידוש לרגל שמחת הולדת הבת אצל ש״ב הרב **זלמן לייב וואגשאהל** שליט״א (חתן גיסו הגה״צ אב״ד וואדקערט שליט״א), שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

בסעודה שלישית נתכבד בברכת המזון **הרה״ג רבי בנימין ברייער שליט״א** דומ״ץ בית מדרשנו זכרון יהודה בב״פ.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט״א** אצל הבר מצוה של בן הר״ר **יהודה זינגער** הי״ו, שהתקיים באולם דיקאריעם, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, משה רבינו האט געבעטן פון פרעה, אז ער זאל ארויסלאזן די יודען פון מצרים. און פרעה האט געענטפערט, לכו נא הגברים ועבדו את ה׳, אז מען וויל דינען דעם אייבערשטען, דארפן גיין די גברים, די ערוואקסענע מענטשען, פארוואס נעמט מען די קינדער אז זיי זאלן אויך מיטגיין. און משה רבינו האט געזאגט, ניין, בנערינו ובזקנינו נלך, מיר וועלן גיין מיט די יונגע און מיט די אלטע, בבנינו ובבנותנו, מיט די זון און די טעכטער, כי חג ה׳ לנו (י-ט) מיר מאכען א חג פארן אייבערשטען, און אונז דארף מיר האבן די גאנצע משפחה דארט.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז די חשיבות פון א יוד איז נישט דאס וואס ער טוט אליין שטייגען אין תורה און עבודת ה׳, וואס יעדער יוד איז מחוייב, נאר מען לייגט אויך א דגוש אויף די קינדער. די גאנצע קאפ פון א יוד איז אויף זיינע דורות, ער זאל קענען מחנך זיין די קינדער, די זון און די טעכטער, צו תורה און עבודה. און דאס איז חביב ביים אייבערשטען, אז א מענטש איז זיך מקריב כדי די קינדער זאלן אויסוואקסען ערליך.

**מען** געפונט ביי אברהם אבינו, וואס איז געווען א געוואלדיגער צדיק אין אלע ענינים, און פון דעסטוועגן דאך ווען דער אייבערשטער האט אים געוואלט רימען, האט דער אייבערשטער נישט ארויסגעהויבן די מעלה פון אברהם אבינו, נאר די איין נקודה. דער האט אייבערשטער געזאגט, כי ידעתיו, איך האב ליב אברהם אבינו, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה׳. איך האב אים ליב, נישט ווייל ער לערנט, ווייל ער דאווענט,

ווייל ער טוט חסד, נאר למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ער קוקט זיך אום אויף די קינדער און אויף די בני בית, ושמרו דרך ה׳.

**פרעה** האט מסכים געווען לכו נא הגברים, די גברים זענען שוין פארפאלן, די ערוואקסענע מענטשען וועט ער נישט טוישן, גייטס דינען דעם אייבערשטען. אבער די קינדער לאז איבער ביי מיר אין מצרים. אז עס וועט נישט זיין קיין יונגע, וועט נישט זיין שפעטער ערוואקסענע.

**האט** אים משה רבינו געענטפערט, בנערינו ובזקנינו נלך, ביי אונז איז נישט דא קיין נערים אדער זקנים, ביי אונז איז נישט קיין בנינו אדער בנותינו, ביי אונז איז בנערינו ובזקנינו, אונז גיי מיר יונג און אלט, בבנינו ובבנותינו, זון און טעכטער, אלע גיי מיר צוזאמען. כי חג ה׳ לנו, ביי אונז איז נאר א חג ווען אונז קען מיר זיצען אלע צוזאמען. ווען מען קען זיצען ביי איין טיש, זיידעס, טאטעס, אייניקלעך, און אור אייניקלעך, ווען אלע זענען אויף די זעלבע מדה, ווען אלע זענען אין די זעלבע עבודה צו דינען דעם אייבערשטען, דאס איז פאר אונז א חג.

**משה** רבינו האט געזאגט, כי חג ה׳ לנו, עס איז פאר אונז א יום טוב. ווי אזוי קען זיין א יום טוב ביי א יוד, ווען די קינדער זענען אין מצרים, און ער דינט דעם אייבערשטען אינעם מדבר?! וואס פאר א יום טוב איז דאס, אז ער געפונט זיך דא, און ער ווייסט נישט וואס טוט זיך מיט די קינדער, זיי זיצען אין מצרים אליין. אז אונז גיי מיר צום אייבערשטען, אונז וויל מיר מאכען א חג פארן אייבערשטען, כי חג ה׳ לנו, איז נישט קיין מציאות אז לכו נא הגברים ועבדו את ה׳. אונז וועל מיר מאכען א חג, און וואו איז מיין קינד? ער זיצט אין מצרים. דאס איז נישט ביי אונז א חג. ביי אונז איז א חג, ווען מיר זענען אלע צוזאמען.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** אצל השבע ברכות של בן ש״ב **הגה״צ רבי אהרן כ״ץ שליט״א** אב״ד תולדות אהרן וומסב״ג, שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט״א** רקד עם החתן והמחותנים שליט״א, ובריקוד מיוחד עם **כ״ק האדמו״ר מפאפא שליט״א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.